ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



ד' אייר תשס"ה

פרשת אמור

טייערע קינדער שלוחים,

1,2,3 – מיר ציילן יעדן טאג פון ספירת העומר. מיר גרייטן זיך דורך אונזער ציילן צום צייט פון מתן תורה. יעדן טאג פון ספירה זאגן מיר צוזאמען מיט די נומער פון דער טאג, אויך א מדה, למשל חסד שבחסד, גבורה שבחסד וכו'. אין די טעג פון ספירה דארפן מיר ארבעטן אויף אונזערע מידות. מיר דארפן ארבעטן אויף אונזער גוטסקייט, אויף אונזער שטארקייט אין תורה ומצוות, אויף אונזער פארבונד מיט אונזער משפחה, אויף אונזער התקשרות צום רבין, און אזוי ווייטער.

עס איז א צייט צו מאכן פון אונזער אייגענע לעבן א דירה ( פלאץ צו וואוינען) פארן אויבערשטן.

טייערע קינדער, אלס שלוחים איז ביי אייך דער ענין פון פארבעסערן דעם מידות נאך מער וויכטיג ווי ביי אנדערע. איר ווייסט גוט אז מען לערנט ארויס אנדערע אסאך מער מיט אונזער אויפפירונג ווי מיט אונזערע רייד. יעצט איז א גוטע צייט טראכטן וועגן אייער אויפפירונג אלס א דוגמא חיי –א לעבעדיקן ביישפיל – פון דעם וועג ווי א אידישער – חסידישער קינד דארף זיך אויפפירן. אין זכות פון אייער אנשטרענגען אויף ארבעטן אויף זיך דורך ספירה וועלן מיר זוכה זיין דעם יאר צום קבלת התורה – תורתו של משיח!

איידלה וועכטער

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת אמור

מצות קידוש השם

**ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל**

– מען זאל ניט פארשוועכן מיין הייליקן נאמען, און איך וועל הייליק ווערן צווישן אידן. וואס דאס איז די מצוה פון "קידוש השם", אז א איד דארף זיך פירן אין אן אופן וואס זאל מאכן דעם אויבערשטנ'ס נאמען הייליק.

און פון דעם קען מען אפלערנען א הוראה פאר קינדער פון "צבאות השם":

א אידיש קינד דארף וויסן, אז אין זיין הנהגה איז תלוי די הייליקייט פון דעם אויבערשטן!

ווארום אנדערע קינדער פון די פעלקער ארום אים קוקן זיך צו ווי ער פירט זיך, און זיי ווייסן אז ער איז א אידיש קינד, ובמילא, בשעת ער פירט זיך ניט ווי עס דארף צו זיין, איז דאס ניט נאר זיינע א פערזענלעכע זאך אדער טעות, נאר דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט קידוש השם אדער חס ושלום חילול השם!

צום ביישפיל: ווען א ניט–אידיש קינד זעט ווי א אידיש קינד זאגט א ליגן, חס ושלום, אדער ער נעמט צו א "פעני" ביי א צווייטן קינד, אדער ער פאלגט ניט זיין רבי'ן אדער זיינע עלטערן (כאטש עס איז א מצוה "כבד את אביך ואת אמך") - טראכט זיך דער ניט–אידישער קינד אז דערפון זעט מען וואס אידישקייט איז און וואס דער אויבערשטער איז...

און בשעת א אידיש קינד טראכט זיך אריין אין דעם,

(המשך אין עמוד 2)

## דערציי' מיר א מעשה

### העלפן צום רבי'ן

הרב קפלן איז אמאל געגאנגען צום רבי'ן בעטן א ברכה פאר זיין טאכטער וואס זי האט געטראגט.

דער רבי האט געפרעגט וואס איז דער מיידל'ס נאמען און איר מאמע'ס נאמען און האט געגעבן א ברכה אויף א געזונטע טראגן און גרינגע האבן.

דערנאך האט הרב קפלאן געזאגט אז ווייל ער איז א כהן וויל ער געבן דער רבי א ברכה. דער רבי האט מסכים געווען און האט הרב קפלן האט געבענטשט דער רבי "אז דער אויבערשטער זאל געבן הצלחה אין דער רבי'ס הייליקער ארבעט."

"א דאנק", האט דער רבי געזאגט "אבער איך קען דאס ניט טאן אליין, איך דארף דיין הילף!"

ווען הרב קפלן האט זיך געגרייט אוועקצוגייען האט דער רבי געפרעגט "ביסטו גרייט זאגן ברכת כהנים אין בית המקדש?"

ב"ה

# דעם חסידיש'ן לוח

## ב' אייר

## יום הולדת פון דער רבי מהר"ש

א קליינע אינגל פון זיבן יאר אלט קומט צו א בחינה ביי זיין טאטע דער רבי דער צמח צדק. ער ווייסט אלץ קלאר און ריכטיג. דער מלמד איז אזוי נתפעל אז אזא יונגע קינד ווייסט אזוי גוט. "נו", פרעגט ער דעם צמח צדק, "וואס זאגט איר... ער האט גוט געטאן?!!"

ענטפערט דעם צמח צדק, "וואס ווערסטו נתפעל אז ( א אינגל וואס איז געבארן געווארן אויפן ספירה טאג פון) תפארת שבתפארת מאכט גוט!"

דער רבי מהר"ש – ר' שמואל איז געבארן געווארן ב' אייר תקצ"ד.

א צייט פאר זיין געבורט איז אין ליובאוויטש געווען א גרויסע פייער. נאך דעם פייער האט דער צמח צדק באשלאסן צו קויפן א שטיקל לאנד און בויען אויף דעם א גרויסע שטוב מיט א בית מדרש. דער אדון פון דער שטאט ליובמירסקי האט געהייסן אלץ געבן צום צמח צדק אומזיסט.

שבועות איז געווען דער צייט וואס דער צמח צדק האט געוואלט מאכן דעם חנוכת הבית. ארום א חודש פריער האט זיין רביצין שוין געוואלט אריינגיין. זי האט געוואלט האבן איר קינד אין דעם נייעם דירה. ווען זי האט שוין געפילט אז אט אט וועט זי האבן, איז זי געגאנגען צום שטוב. מען האט פאר איר אויסגעשטעלט א בעט און זי איז דארטן געלעגן . ווען דער צמח צדק האט פון דעם אויסגעפונען איז ער דארט געגאנגען און איז געשטאנען אין צימער מיט זיין פנים צום וואנט דורך דעם גאנצן געבורט. ער האט געהייסן זיין זאגן תהילים אין איין פון די אנדערע צימערן פון שטוב. דער צמח צדק האט געברענגט א ווייסע שטיק לייוואנט אויף וואס צו נעמען דעם קינד. און ב' אייר, ווען דעם ספירה איז געווען תפארת שבתפארת איז דער זיבעטע זון פון צמח צדק - שמואל געבוירן געווארן אין הייליקייט.

דער רבי מהר"ש איז געווען נאר 21 ווען דער צמח צדק האט אים שוין געבעטן זיך פארנעמען מיט זאכן פאר דעם כלל. דער רבי מהר"ש איז געגאנגען פאר זיין טאטע צו גרויסע שרים צו קריגן זיך פאר די חינוך פון אידישע קינדער. אף על פי אז ער איז געווען יונג, האט ער קלאר געזאגט זיין דעה פאר אלע גרויסע מיניסטערס.

נאך דער הסתלקות פון צמח צדק אין יאר תרכ"ו, איז ר' שמואל געווארן דער רבי.

די צייט פון רבי מהר"ש'ס נשיאות איז געווען זייער א שווערע צייט אין רוסלאנד פאר אידן צוליב די שלעכטע גוים, און דער רבי מהר"ש האט שטארק געקעמפט קעגן דעם.

דער רבי מהר"ש איז נאר געווען רבי 17 יאר ביז תרמ"ג (ווען ער איז נסתלק) אבער אין דעם קורצע צייט האט ער געשריבן אסאך חסידות וואס ווערט אנגערופען תורת שמואל, און האט ארויסגעהאלפן אידן בגשמיות וברוחניות.

דער רבי האט געזאגט אז דער לעבן פון דער רבי מהר"ש קען מען פארשטיין דורך זיין באוואוסטע ווארט "דער וועלט זאגט אז אויב מען קען ניט ארונטער זאל מען אריבער, אבער איך זאג, לכתחילה אריבער!"

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

אז בשעת ער וועט צונעמען א "פעני" פון א צווייטן קינד, איז דאס ניט בלויז עפעס וואס איז צווישן אים מיט יענעם קינד, נאר דאס איז א זאך וואס איז נוגע צו חילול השם וקידוש השם, און דערצו ווייס ער אז דער אויבערשטער איז "**בוחן כליות ולב אם עובדו כראוי**" (ער קוקט זיך איין צי דינט מען אים ווי עס באדארף צו זיין) - איז מובן ופשוט אז א קינד פון "צבאות השם" וועט אין דעם ניט דורכפאלן!

עס איז אפהענגיק אין דעם ווילן פון דעם קינד, אז אויב נאר ער וויל - קען ער מנצח זיין דעם יצר.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת י"ח ניסן תשמ"ה)*

## משיח נאו!

מיר ציילן ספירת העומר צווישן פסח און שבועות. דאס דערמאנט אונז ווי די אידן האבן געציילט מיט אומגעדולדקייט צו מקבל זיין דעם הייליקן תורה. פונקט אזוי מוזן מיר ווארטן מיט אומגעדולד אויף די צייט פון גאולה ווען מיר וועלן באקומען די תורה חדשה - די אינערליכע סודות פון תורה. דאס איז וואס עס שטייט אין אני מאמין "אחכה לו בכל יום שיבוא" - איך ווארט אויף משיח יעדן טאג!




**פארגעסט ניט צו ציילן ספירת העומר!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ט' אייר, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת אמור

1. וואס דארפן מיר טאן אין צייט פון ספירה אויסער ציילן די טעג?____

______________________________________________

2. וויאזוי קען א אידישן קינד מאכן א קידוש השם?______________

______________________________________________

3. ווען איז דער רבי' מהרש געבארן געווארן?__________________

4. וואס איז געווען דער ספירה פון יענעם טאג?________________

5. ווער איז געווען זיין הייליקן טאטע?_______________________

6. אין וועלכע יאר איז ער געווארן רבי'?________________

7. ווי לאנג איז ער געווען רבי'?________________

8. וויאזוי ווערן אנגערופען זיין ספרים?_______________________

9. וואס איז געווען זיין באוואוסטע ווארט?_____________________

10. אויף וואס דארפן מיר אויךווארטן ווען מיר ציילן ספירת העומר?__

______________________________________________

**דער געווינער פון פרשת קדושים: <u>דבורה כצמאן, 12</u>**

נאמען: ___________________________ ווי אלט: ____

אדרעס:____________________________________

אי-מייעל: ___________________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org